# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת חיי שרה שנת תשפ"א לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# שיחות וסיפורים

## דער איד זאל ליב האבן דעם איד

פג) לגבי די וואס זענען אינגאנצן ארייננגעטון אין פאליטיק און זענען ממש איבערצייגט אז ... איז ממש אן אוהב ישראל, און דער אנדערער איז א שונא ישראל וכו', אדער ... זוכט נאר ווי ער קען שלעכטס טון פאר אידן, אבער דער צווייטער איז יא א אידן פריינט; זאגט דער ראש ישיבה שליט"א: "דער גוי האט נישט ליב דעם איד; דארף מען זען אז דער איד זאל ליב האבן דעם איד[א]".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א צוגעלייגט: "דער גוי איז טמא ומטומא, דארף מען זען דער איד זאל זיין הייליג". (אנדערש ווי מענטשן קלערן אז די רעכטע גוים זענען כלומר'יש "ערליך", און די לינקע זענען טמא, נאר קעגן דעם איד איז יעדער גוי טמא ומטומא[ב], אפילו דער גוי זאגט ער פירט זיך "מאראליש"; דארף מען כאטש זען אז אידן זאלן זיין הייליג.)

[א] דאס הייסט, יעדער גוי האט פיינט א איד, נישט קיין חילוק צי ער ווייזט דאס ארויס אדער נישט, און מען קען דאס נישט ענדערן, ווי דער מדרש זאגט (ספרי במדבר ס"ט): רשב"י אומר הלכה בידוע שעשו שונא ליעקב; דארף מען כאטש זען אז אידן צווישן זיך זאלן זיך ליב האבן און לעבן בשלום, וואס דאס ליגט אין אונזערע הענט צו טון.

[ב] ווי דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט (עצתו אמונה חיי שרה תשפ"א): מאך זיך נישט נאריש, לאז זיך אפ פון פאליטיק; וואס איז דיר נוגע ווער עס וועט ערוועלט ווערן פאר פרעזידענט. עס איז נישט מעלה און נישט מוריד ווער עס וועט ערוועלט ווערן, דער אייבערשטער פירט די וועלט, ער מאכט אלעס, ער היט אונז, ער היילט אונז און ער שפייזט אונז.

זארג נישט אומזיסטיגע זארג; דיין זארג זאל זיין: 'ווי אזוי איז מען זוכה צו זיין אן ערליכער איד? ווי אזוי קען מען געווינען דעם יצר הרע וואס זוכט אונז אראפ צו ווארפן?'

דו שרייבסט אז די רעכטע דארפן געווינען, די לינקע זענען א סכנה וכו'; דארפסטו געדענקען אז די רעכטע זענען רעכט קעגן די לינקע, אבער פאר אונז זענען זיי אלע לינק, מיר דארפן קעמפן קעגן דעם יצר הרע וואס וויל אונז מאכן לינק.

## שכל פון מוהרא"ש

פד) דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: איינער איז געקומען צו מוהרא"ש און אים דערציילט 'מענטשן זאגן מוהרא"ש איז א 'קליפה' (יענער האט נישט געהאט קיין שכל צו וויסן אז מען דארף נישט דערציילן יעדע נארישקייט), האט מוהרא"ש אים געגעבן א קוק אן, און זיך אנגערופן מיט א שמייכל: "זע צו זאגן אסאך משניות, וועסטו צעברעכן די קליפה..."

## די שוועריגקייטן זענען א סימן פון קדושה

פה) ווען מען האט אנגעהויבן ארבעטן אויפ'ן שטעטל און זאכן האבן זיך נישט געריקט האבן די אינגעלייט וואס האבן עסק געווען אין בויען דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א די שוועריגקייטן וואס טרעפן זיך כסדר, די גוים ווילן נישט פארקויפן, אדער פאדערן זיי גאר א הויכע פרייז וכו', קוים וואס מען טרעפט הייזער צו אפקויפן, ווען אין די זעלבע צייט איז דא אין די שטחים ארום דעם שטעטל צענדליגע הייזער פאר ממש פרוטות וכו' וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "איז דאס א באוויז אז דער שטעטל איז א גוטע זאך. נעמט אריין דעם כלל גוט אין קאפ: א גוטע זאך קומט אן שווער, נישט סתם שווער, נאר 'זייער זייער' שווער. וואלט אלעס געגאנגען גרינג וואלט מען געדארפט חושש זיין אז דער גאנצער ענין פון שטעטל איז נישט גוט, יעצט קען מען מאכן א לחיים מיט אפאר תלמידים, זיך ווינטשן לחיים ווייל דאס איז א באוויז פון 'קדושה'".

## צעריסענע שיך אבער אן חובות

פו) א בחור וואס פלעגט זיך אפט דרייען אין ישיבה איז אמאל ארויפגעקומען אין ישיבה און זיך אויסגערעדט צום ראש ישיבה שליט"א איבער זיינע פיל חובות וואס ער האט, עטליכע טויזנט דאלאר, ער ווייסט

נישט וואס צו טון און וויאזוי צו ארויסקריכן דערפון, דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט עטליכע עצות וויאזוי מען באצאלט צוביסלעך און אזוי ווייטער, און די וויכטיגסטע - דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט אז פון יעצט זאל ער נישט בארגן קיין געלט בשום אופן, על כל פנים פאר ער פרעגט צו דאס איז אויסגעהאלטן אדער נישט.

ווען דער בחור איז ארויסגעגאנגען האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אויפגעשטעלט פון זיין פלאץ און ארומגעגאנגען די טישן צו אלע בחורים און געפרעגט: "ווי קומט א מענטש צו האבן אזוי פיל חובות"?! דער ראש ישיבה שליט"א האט פאר יעדן געוויזן: "קוקט אויף מיין שיך, עס איז צעריסן, איך האב נישט קיין געלט צו קויפן נייע, איך גיי ארום מיט צעריסענע שיך, אבער איך קום קיינעם נישט קיין געלט! דאס איז א בזיון ארומצוגיין מיט צעריסענע שיך? א בזיון איז ווען מען איז שולדיג געלט פאר מענטשן".

## זיין ווי דוד המלך

פז) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "עס זענען דא קינדער וואס זייער נאטור איז צו זיין א פירער, אנפירן דעם שפיל וכדומה, סיי אין חדר און סיי אין שטוב צווישן די געשוויסטער און אזוי ווייטער, דארף מען נישט קלאפן דעם קינד און דערנידערן, צו אוועקנעמען פון אים די פירערשאפט, עס איז נישט געפערליך אז ער פירט אן, נאר מען דארף זען ער זאל זיך פירן מיט רחמנות און מיט חסד צו אנדערע און נישט פארקערט; זיכער מאכן אז אלע האלטן מיט דעם שפיל, קיינעם נישט טשעפען וכו'. "מען דארף אויסלערנען דעם קינד צו אויסניצן זיין פירערשאפט נאטור אויף א גוטע וועג, זיין ווי דוד המלך - גוטהארציג, זיך אננעמען פאר אנדערע, נישט אוועקשטופן א צווייטן".

## זיין פארנומען יעדן טאג מיט די מוסדות

פח) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "ווען איך האב אוועקגעשטעלט דעם בית הדפוס, האב איך אויפגענומען אינגעלייט זאלן עוסק זיין דערין און זען אז אלעס זאל גיין כשורה, פון צייט צו צייט קומען זיי מיט א באריכט פון די פעולות און די הצאות וכו', זיי קומען מיר פרעגן ווען זיי האבן א שאלה. אבער אין די מוסד בין איך יעדן טאג פארנומען מיט די חינוך, יעדן טאג מוז איך רעדן מיט איינע פון די מלמדים אדער מיט'ן מנהל און אזוי אויך מיט די סקול, איך בין יעדן טאג פארמישט אין די חינוך פון די קינדער. ווייל יעדער קינד האט אן אנדערע נאטור, און יעדער מלמד טראכט אנדערש, דארף איך זען עס זאל גיין כשורה, עס זאלן נישט ארויסקומען קיין מכשולות.

## העלפן די קינדער זיך שטעלן אויף די פיס

פט) א תלמיד איז געווען ביים ראש ישיבה שליט"א אינדערהיים און געזען ווי דער ראש ישיבה שליט"א געבט פאר זיין חתונה געהאטע זון נרו יאיר געלט אויף שפעזן, האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן צו דעם אינגערמאן: "עס זענען דא מענטשן וואס האבן א בעל הבית'ישער שיטה נישט צו געבן געלט פאר די קינדער נאך די חתונה, זאגענדיג: "זאלן די קינדער זיך אליינס בויען און שטעלן אויף די פיס", אבער דאס איז נישט ריכטיג, מען דארף יא געבן געלט פאר די קינדער און זיי ארויסהעלפן".

און דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "פארוואס זאג איך דיר דאס? ווייל איך וויל ווען דו וועסט חתונה מאכן דיינע קינדער זאלסטו זיך אויך אזוי פירן, דו זאלסט געבן געלט פאר דיינע קינדער".